## י. י. זינגער



געקירצט און פאַרטייטשט פון

**זלמן יעפרויקין**

אַרויסגעגעבן פון דער
ניו־יאָרקער אַרבעטער־רינג־מיטלשול
175 איסט בראָדוויי, ניו־יאָרק, נ. י.

וויליפון י. י. זינגער

מיט דערקלערונגען פון ווערטער
אויף יעדער זייטל
פון זלמן יעפרויקין

# WILLY

*by*

I. J. SINGER

Published in the U. S. A.
*by the*
NEW YORK WORKMENS CIRCLE MITTELSHUL
1 9 4 8
166

## פֿון די אַרויסגעבערס

דאָס איז די ערשטע אויסגאַבע פֿון אַ סעריע לייענביכער פֿאַר דער ייִדישער שול וואָס ווערט אַרויסגעגעבן מיט דער מיטהילף פֿונעם ספּעציעלן פֿאָנד וואָס אונדזער פֿרײַנד און מיטגליד פֿונעם אַרבעטער־רינג, מאָרים אײַזענמאַן האָט עטאַבלירט לכּבֿוד זײַן 75־טן געבורטסטאָג.

מיט אַ געפֿיל פֿון טיפֿער דאַנקבאַרקייט גיבן מיר איבער פֿאַר אונדזערע לייענערס, קינדער און דערוואַקסענע, די שיינע טאַט פֿון אונדזער פֿרײַנד מאָרים אײַזענמאַן.

# 1

כאָטש עס איז שוין געווען אין גאַנצן אַן אַכט טעג פֿאַר פּסח, האָט וואָלף, ר׳ הערש רובינס ייִנגל, נאָך גאָרנישט געוואוסט אין שיר־השירים, וואָס דער דאָרפֿישער מלמד זײַנער האָט אין אים, גלײַך פֿון נאָך פּורים אָן, אַרײַנגעאַקערט אין קאָפּ אַרײַן.

וואָלף האָט נאָכגעזאָגט דעם רבינס זינגענדיקע רייד, נאָר אַז ער איז געקומען צום איבערזאָגן, צום „אויסריידן“, האָט ער קיין איין וואָרט ניט געקענט. דער מלמד, אַ ייִד אַ דאַרער, אַ בלאַסער, כאָטש ער איז אָפּגעזעסן אַ גאַנצן ווינטער אין דאָרף, איז געזעסן אַ פֿאַרחושכטער אין דער פֿריש אויסגעקאַלכטער בלוילעכער דאָרפֿס־שטוב און געקוקט אויף דעם תּלמיד זײַנעם מיט רחמנותדיקע אויגן.

— „נו, יעך בעט דיך, וואָלף, לייג צו קאָפּ,“ — האָט ער גערעדט מיט אַ וויינענדיק קול, — „יעך דאַרף אַהיים פֿאָרן צו ווײַב און קינדער אויף פּסח. אַ גאַנצן ווינטער בין יעך נישט געווען אין דער היים. צוליב דיר, ווייל דו קענסט נאָך נישט שיר־השירים, קאָן יעך נאָך נישט אַהיים פֿאָרן...“

וואָלפֿס אָנגעשטאָפּטע, פֿאַרביקע באַקן, ווי אָנגעגאָסענע מיט רויטן ווײַן, זײַנען פֿון רבינס רייד נאָך רויטער געוואָרן. זײַנע גרויסע, שוואַרצע אויגן האָבן געקוקט אויף דעם בלאַסן מלמד מיט רחמנות.

---

ש י ר ־ ה ש י ר י ם (שיר־האַשירים) — „דאָס ליד פֿון די לידער“. דער נאָמען און די ערשטע ווערטער פֿון אַ בוך אין תּנך. דאָס בוך איז אַ זאַמלונג פֿון זייער שיינע ליבע־לידער און אַנדערע לירישע לידער. שיר־השירים איז פֿאַרבונדן מיטן יום־טובֿ פּסח: מען לייענט עס נאָך דער הגדה.

אַ ר ײַ נ אַ ק ע ר ן א י ן ק אָ פּ אַ ר ײַ ן — אײַנלערנען, אַרײַנקלאַפּן אין קאָפּ; get into one's head.

פ אַ ר ח ו ש כ ט ע ר (פאַרכוישעכטער) — איינער וואָס זעט אויס זייער שלעכט, וואָס איז שטאַרק דערשלאָגן (depressed), אומעטיק (dismal).

ק אַ ל כ ן — whitewash.

ער האָט שוין געוואָלט צולייגן קאָפּ, אָבער די ווערטער, די זינגענ־
דיקע און פרעמדע, זײַנען אים גאָר אין קאָפּ ניט געקראָכן.

דער פֿאָטער, ר׳ הערש, האָט געקוקט אויף דעם יִינגל זײַנעם, אויף דעם צעוואָקסענעם און רויטבאַקיקן, וואָס צווישן יִידישע יִינגלעך זעט מען גאָרנישט אַזעלכע, און ער האָט געוואָרפן בייזע בליקן אויף זײַן ווײַב, וואָס איז געזעסן מיט אַן אינדיק אויף דער שויס און געשטאָפּט אים אויף פּסח, ער זאָל זײַן פֿעט.

— „כ׳ווייס גאָרנישט, ווי ס׳קומט צו מיר אַזאַ זון,״ — האָט ער גערעדט מיט כּעס צום ווײַב זײַנעם, דער אָרענדאַרישער טאָכ־טער, — „עפּעס גאָר קיין יִידישע צורה האָט ער ניט, דער זון דײַנער.״

— „ער איז אַזוי דײַנער, ווי מײַנער,״ — האָט די יִידענע גע־ענטפֿערט מיט פֿאַרדרוס, צושטיקנדיק דעם אינדיק דעם האַלדז, ער זאָל ברייטער עפֿענען דאָס מויל פֿאַר שפּײַז, — „און כ׳ווייס ניט, וואָס דו טשעפּעסט זיך צום קינד.״

— „צום קינד,״ — האָט ר׳ הערש נאָכגעשפּעט זײַן ווײַבס רייד, — דער יונג וואַקסט ווי אַ גוי, און בײַ איר איז ער נאָך אַלץ אַ קינד, אַ ילד, ווי אַ רוצח...״

ער האָט מיט כּעס פֿאַרהאַקט די טיר און איז אַרויס.

וואָלף האָט שווײַגנדיק אויסגעהערט דעם טאַטנס רייד, דער מאַמעס ענטפֿער, און ער האָט זיך גאָרנישט געמאַכט דערפֿון. עס איז אים אין איין אויער אַרײַן און דורכן צווייטן אַרויס. ער האָט איבערגעלאָזט דעם רבין אין סאַמע מיט און געלאָזט זיך צו די פֿערד־שטאַלן, וואָס זײַנען געשטאַנען טיף אין הויף. בײַ דער טיר האָט ער זיך דערמאָנט, אַז ער איז הונגעריק, כאָטש עס איז ניט לאַנג

---

צעוואָקסענער — שטאַרק אויסגעוואַקסענער, איינער וואָס איז העכער פון זײַנע יאָרן.

שטאָפּן — to fatten ; געבן אַ סך עסן.

צורה — פּנים.

צושטיקן — to choke, ווערגן.

נאָכגעשפּעט — נאָכגעמאַכט כּדי אָפּצולאַכן ; aped, ridiculed

ילד (יעלעד) — קינד.

רוצח (רויצייאַך) — מערדער.

זיך גאָרנישט געמאַכט דערפֿון — did not care, made nothing of it.

געווען נאָכן אָנבײַסן. ער האָט גיך אָפּגעשניטן אַ המוציא ברויט, אַ גרויסע און אַ דיקע, אַרײַנגעשטופּט די המוציא אין קעשענע פֿון כאַלאַטל, וואָס איז תּמיד פֿול געווען מיט קיזלשטיינער, טשוועקעס און צעבראָכענע שליסלען. ער האָט מיט די קורצע, גראָבע פֿינגער געריסן שטיקער פֿון ברויט, געלייגט צווישן די שטאַרק ווײַסע ציין, וואָס האָבן מיט גבֿורה אַרויסגעקוקט פֿון די רויטע, פֿולע ליפּן, און הויך געקײַט, מיט חשק און געפּילדער.

— „וועלוול, קום באַלד צוריק," — האָט די מוטער אים גערופֿן פֿאַרצויגן, — „דער רבי האָט נאָך מיט דיר צו לערנען."

— "כ'וועל ניט צוריקקומען," — האָט וואָלף געזאָגט מיט אַ פֿול מויל עסן, — „כ'גיי צום אַלטן ראָך אין שטאַל."

— „וואָס זשע, ראָך וועט זײַן דײַן רבי?" — האָט די מוטער געפֿרעגט. — „פֿון אים וועסטו זיך אויסלערנען תּורה? אַ פּויער וועט דאָך פֿון דיר אויסוואַקסן!"

— „וועט אויסוואַקסן!" — האָט וואָלף אָפּגעענטפֿערט, כאָטש דער רבי האָט אים תּמיד געלערנט, אַז מען טאָר ניט אַנטקעגנריידן דער מאַמען, אַז אַ בן סורר־ומורה קומט צו פֿאַרשטיינען.

ער איז אַרויס פֿון שטוב גיך, מען זאָל אים ניט קענען צוריק־כאַפּן.

די ערד אויפֿן גרויסן הויף איז נאָך געווען נאַס פֿון די פֿרעסט און שנייען, וואָס האָבן אַ גאַנצן ווינטער אָנגעהאַלטן. יעדער טריט האָט אויסגעפּרעסט אַ צייכן אין דער פֿײַכטקייט. דורך פֿאַרוואַל־גערטע שטיקלעך שניי און פֿאַרדאַרטע בלעטער, פֿאַרבליבענע נאָך פֿון האַרבסט, האָבן פֿרישע גרעזלעך זיך דורכגעשלײַכט און פֿאַר־שעמטע קעפּלעך אַרויסגעשטעקט. פֿון דאָ און דאָרט האָט זיך אויך

---

**אָנבײַסן** — פֿרישטיק, breakfast.

**המוציא** (מויצע) — אַ שטיק ברויט אָדער חלה.

**כאַלאַטל** — שלאַפֿראָק, לאַנגער און ברייטער שטוביקער רעקל, loose jacket.

**קיזלשטיינער** — flintstone.

**גבֿורה** (גוואורע) — שטאַרקייט, פֿעסטקייט.

**בן סורר ומורה** (בען סוירער אומוירע) — אַ זון וואָס באַגייט זיך מיאוס מיט די עלטערן; הייבט אַ האַנט קעגן די עלטערן.

**דורכשלײַכן זיך** — שטיל זיך דורכשטופּן.

אַ געל פֿעלדבלימעלע געפֿעדערט און אַרויסגעשניטן זיך פֿון גרינ־קייט. קוואָקעס, זיצנדיק אויף אייער, האָבן שטאַרק געקוואָטשקעט, גאָרנישט מיד ווערנדיק. איין הון אַ בריה איז שוין ברייט אַרומ־געגאַנגען מיט אירע קליינע הינדעלעך, האַלב נאַקעטע נאָך, געזוכט קערנער אין פֿערדישן מיסט, וואָס האָט געדעמפּט מיט וואַרעמקייט, און שטרענג געהאַלטן אויג אויף דער געלער קאַץ, וואָס האָט נאָר געוואַרט אויף אַ געלעגנהייט צו פֿאַנגען אַ הינדעלע, ווען זי, די מוטער, וועט עס ניט באַשיצן.

— „קאַ, קאַ, קאַ,” — האָט זי מיט געבייזער געוואָרנט די קאַץ, און באַצײַטנס אַנגעשפּיצט דעם שנאָבל און געשאַרפֿט די נעגל, גרייט צו פֿאַרטיידיקן איר קליינוואַרג.

וואָלף האָט אויפֿגעהויבן אַ שטיינדל פֿון דער ערד און גע־וואָרפֿן אויף דער לאָקערנדיקער קאַץ. ווי מערסטענס יִנגלעך, האָט ער פֿײַנט געהאַט קעץ. די קאַץ איז גיך אַרויף אויפֿן פּלויט, אויף וועמעס שפּיצן עס האָבן זיך געטריקנט ערדענע טעפּ, און אַראָפּ־געקוקט צום יִנגל, ווי זי וואָלט זיך רייצן מיט אים, אַלמאַי ער קאָן זי ניט כאַפּן. וואָלף האָט אויסגעשפּיגן אויף איר, אַראָפּגעבויגן זיך צו דער ערד און אויפֿגעהויבן אַ הינדעלע, אַ שוואַכס און נאַקעטס, וואָס אַחוץ אַ ביסעלע געלן פּוך, האָט עס נאָך גאָר קיין פֿעדערן ניט געהאַט. די קוואָקע האָט געציטערט, געקוקט מיט אומרואיקע, קײַלעכדיקע אויגן אויף וואָלפֿן, אָבער אין די אויגן אַרײַן איז זי אים ניט געשפּרונגען. זי האָט געזען, ווי ער גלעט איר קינד, טוליעט עס אין די הענט, הויכט עס אָן מיט וואַרעמקייט און גיט עס ברע־קעלעך עסן, פֿריש צעקײַט פֿון מויל אַרויס.

— „נו, גיי צו דער מאַמען, קוויטשערל,” — האָט וואָלף געזאָגט דעם הינדעלע, אַרויסלאָזנדיק עס צערטלעך פֿון די הענט.

---

פֿ ע ד ע ר ן  ז י ך — פֿרי אַרויסקומען, to rise early.

ק ו ו אָ ק ע — clucking hen, brood-hen.

ב ר י ה (בעריע) — אַ געראָטענער, אַן ענערגישער, איינער וואָס טוט די אַרבעט גיך און גוט.

ל אָ ק ע ר ן — to be in wait.

פּ ל ו י ט — fence.

ט ו ל י ע ן — דריקן צו זיך, זיך צודריקן, to calm, to soothe, to cling.

ער איז פֿאַרבײַ אַן אויסגעטריקנטן, פֿאַרפֿלאָנטערטן קאַרשנבוים און אַראָפּגעריסן עטלעכע פֿאַרדאַרטע קאַרשן־קערנדלעך, וואָס זײַנען אויף טייל צווײַגן נאָך אַלץ געהאַנגען פֿון זומער אָן און פֿייגל האָבן זיי געפּיקט, זוכנדיק אַ ביסל שפּײַז אין זייער פֿאַרדאַרטער אויסטריקעניש. דאָס האָט אים אָנגעפֿילט מיט אַ סך פֿרייד און כּוח. ער האָט דערפֿילט אַזאַ קראַפֿט אין די קורצע, דיקע פֿינגער, אַז ער האָט חשק געהאַט צו צעברעכן עפּעס, קאַליע מאַכן. צוגעלאָפֿן צו אַ יונג ביימעלע און גענומען עס רײַסן פֿון דער ערד, אָבער דאָס ביימעלע האָט זיך פֿעסט געהאַלטן מיט די וואָרצלען און זיך ניט געלאָזט אַרויסרײַסן. האָט וואָלף אויפֿגעהויבן אַ שטיין, וואָס איז געלעגן אײַנגעפּרעסט אין דער ערד, און אים מיט כּוח געוואָרפֿן צו אַ באַנדע קראָען, וואָס האָבן געקראַקעט אַרום אַ בערגל מיסט.

— „העי, פֿאַרשאָלטענע!״ — האָט ער געשריִען אין פּויליש, ווי תּמיד, ווען ייִדן ריידן צו באַשעפֿענישן, אין גויאיש. — „אַוועק, שוואַרצע מכשפֿות, געפֿלויגן פֿון דאַנען! אוים ווינטער!״

די קראָען זײַנען אַוועקגעפֿלויגן מיט אַ קראַקערײַ.

פֿייגל האָבן געפּישטשעט, געטאַנצט, געשפּילט זיך אין יאָגעניש. שוואַלבן האָבן געאַרבעט מעשׂים אונטער שטרויענע דעכער, געזוכט פֿאַראַיאָריקע נעסטן. אויף דעם סאַמע שפּיץ פֿון אַ סטויג היי האָט אַ בושל זיך געדרייט, געפֿאָכעט מיט די פֿליגל, ווי ער וואָלט אַלץ ניט אָנגעטרויט זיך אַוועקצושטעלן. ענדלעך האָט ער אָנגעשפּאַרט די לאַנגע, דינע פֿיס אין שפּיץ פֿון פֿלאָקן, וואָס קוקט פֿון היי אַרויס, און באַטראַכט די וועלט אַרום זיך פֿון אויבן אַראָפּ, ווי אַן אויסקוקער. די זון האָט געלויכטן, געשפּיגלט זיך אין יעדן פּיצל צעבראָכן גלאָז, אין דאַרע צווײַגן, אין פֿאַרבליבענע שטיקלעך שניי, אין יעדן ביסל מיסט און אין יעדן ריטשקעלע. דער בושל האָט אַ פּאַטש געטאָן מיט די גרויסע פֿליגל צו דער זוניקער וואַרעמ־

---

פֿאַרדאַרטע — withered, dryed up.
אויסטריקעניש — dryness.
סטויג — stack.
פֿלאָקן — pole.
ריטשקעלע — קליין טײַכל.

קייט און זיך צעשרײַען מיט אַ משונהדיק הויך קויל. וואָלף האָט פֿאַררײסן די אויגן און אַרויפֿגעשרײַען צום בושל:

— „באַטשאַן המלך, די נעסט ברענט!"

אין דעם בושלס שרײַען האָט ער דערפֿילט די גאַנצע פֿרייד פֿון פֿרילינג, זון און דערוואַכונג, וואָס קומט אַן נאָך די לאַנגע, שווערע, פֿראָסטיקע טעג. ער האָט אַראָפּגענומען דאָס טוכענע היטל פֿון קאָפּ און עטלעכע מאָל עס געוואָרפֿן אין דער הייך פֿאַר פֿרייד, כאָטש ער האָט געוווּסט, אַז אַ ייִדיש קינד טאָר ניט שטיין קעגן הימל מיט אַ בלויזן קאָפּ. פֿון צו פֿיל כּוחות אין אַלע גלידער האָט ער געלאָזט זיך לויפֿן איבער דער ווייכער ערד, געלאָפֿן גיך, ראַשיק, ביז ער איז צו די שטאַלן אַרוים.

אויף אַן אָפּגעזעגטן בוים, וואָס קוקט אַרוים פֿון דער ווייכער ערד, איז געזעסן ראַך, זייער אַלטער משרת בײַ די פֿערד, און מיט אַ מעסער געשניצט אַ צווײַג.

— „וואָס מאַכסטו, ראַך?" — האָט וואָלף געפֿרעגט בײַם אַלטן.

דער גוי האָט אַרויסגעצויגן זײַן צעקנאָדערטן, ברוינעם, אָדער־דיקן האַלדז פֿון שוואַרצלעכן, פֿויערישן העמד, וואָס איז געווען פֿאַרקנעפּלט מיט אַ רויט גלעזערן קנעפּעלע. ער האָט צעצויגן אין נחת אַלע זײַנע קנייטשן פֿון דעם מאַגערן, קנאַכיקן פּנים, וואָס האָט אויסגעזען ווי קאָרע פֿון אַן אַלטן בוים, און ער האָט באַוויזן אַ גרויסן, איין־און־איינציקן, געלן צאָן פֿון זײַן ליידיק מויל אַרוים.

— „אַ ליולקע מאַך איך מיר, וואָלף," — האָט ער געזאָגט מיט פֿרייד, קוועלנדיק מיט אַלע קנייטשן אַרום זײַנע קליינע, גרינע אויגן, — „כ׳האָב אָפּגעבראָכן אַ צווײַגל פֿון אַ קאַרשנבוים. זאָלסט ניט זאָגן דעם טאַטן, אַז איך האָב אַ צווײַגל פֿון אַ קאַרשנבוים קאַליע געמאַכט. פֿון קאַרשן־בוים־האָלץ זײַנען די בעסטע ליולקעס.

---

טוכענע — of cloth.

בלויזן קאָפּ — אָפּגעדעקטן קאָפּ, אָן אַ היטל.

משרת (מעשאָרעס) — servant, attendant.

צעקנאָדערטן — crumpled.

קנאַכיקן — ביינערדיקן.

קאָרע — bark.

— „כ׳וועל ניט זאָגן, ראַך,״ — האָט וואָלף צוגעזאָגט, — „אָבער וואו האָסטו דײַן אַלטע ליולקע?״

— „די אַלטע? כ׳האָב זי אַ ציגײַנער פֿאַרקויפֿט. גוט געלט גענומען. אַ האַלבן רובל אין זילבער.״

וואָלף האָט זיך אַוועקגעזעצט אויף דער קופּע פֿאַרדאַרטע בלעטער לעבן דעם אַלטן ראַך, און צוגעקוקט זיך, ווי ער שניצט געשיקט מיטן מעסער אין האַרטן האָלץ. דער אַלטער האָט ניט אויפֿגעהערט צו ריידן מיט זײַן אַלט קול, קוועלנדיק פֿון פֿרייד מיט זײַן איין־און־איינציקן שפּיציקן צאָן. די מעשׂה מיט דער ליולקע, וואָס ער האָט פֿאַרקויפֿט די ציגײַנער פֿאַר אַ האַלבן רובל אין זילבער, האָט אים אָנגעפֿילט מיט שׂמחה.

— „ציגײַנער האָבן שטאַרק ליב אַלטע ליולקעס, וואָלף,״ — האָט ער געמורמלט, — „אָבער ניט צום רייכערן, נאָר צום עסן. זיי שפּאַלטן דעם ציבעק, קראַצן אַרויס דעם שוואַרצן אָנוואוקס, וואָס זאַמלט זיך אָן פֿון רויך און טאַבאַק, און דאָס עסן זיי.״

וואָלף האָט זיך פֿאַרקרימט:

— „פֿו, חזירים! און ס׳שאַדט זיי גאָרנישט?״

— „העי, זיי ווערן נאָך געזינטער דערפֿון,״ — האָט ראַך געלאַכט, — „אַפֿילו די ווײַבער זייערע כאַפּן עס און קוויקן זיך דערמיט ווי מיט בראַנפֿן.״

וואָלף האָט אויסגעשפּיגן אויף די ציגײַנער, וואָס פֿרעסן אַזאַ מיאוסקייט, און ער איז אַרײַן אין שטאַל צו די פֿערד זייערע.

די פֿערד זײַנען געווען אויפֿן פֿעלד שוין. די משרתים האָבן געאַקערט די פֿעלדער אויף צו פֿאַרזייען זומער־קאָרן און צו פֿאַרזעצן קאַרטאָפֿל. אין שטאַל זײַנען בלויז געבליבן די טראָגעדיקע קאַבילעס, וואָס האָבן אַ ליאַדע טאָג געדאַרפֿט געבוירן לאָשיקעס,

קופּע — heap, pile

שניצן — to carve.

געשיקט — skilful.

ציבעק — shank of a tobacco pipe.

קאָרן — rye.

טראָגעדיקע — pregnant.

קאַבילע — mare.

אַ ליאַדע טאָג — any day.

לאָשיקעס — יונגע פֿערדלעך, colts.

און מען קאָן זיי שוין ניט אַרויספֿירן צום אַקער. זיי האָבן געפּאַכעט מיט די פּולע, אויסגערונדיקטע זײַטן און פֿויל געצופּט פֿון היי, וואָס איז געלעגן אויף לייטערלעך איבער די קאָריטעס. אויף דער ערד איז געלעגן די קימפּעטאָרין „קאַשאַ", אַ ברוינהאָריקע און אַ יונגע, און אַרומגעלעקט מיט איר צונג איר נײַגעבוירן לאָשיקל, וואָס איז געלעגן לעבן איר מיט די דינע פּיסלעך פֿאַרפּלאָכטן איינס אין אַנדערן. וואָלף איז צוגעפּאַלן צום לאָשיקל, ווי אַ מוטער צו אַ קינד, און צוגעלייגט זײַן רויטע באַק צו דער ווייכער פֿעל.

— „ווי וועסטו עס אַ נאָמען געבן, וואָלף?" — האָט דער אַלטער ראָך געפֿרעגט, שניצנדיק זײַן ליולקע.

— „כ'האָב אַ גאַנצע נאַכט געטראַכט און גאָרנישט אויסגע־טראַכט," — האָט וואָלף געזאָגט, — דערלאַנג מיר, ראָך, אַ ביסל זאַלץ, וועל איך עס אויסזאַלצן... „קאַשאַ" האָט שוין דעם גאַנצן זאַלץ דערפֿון אָפּגעלעקט."

ראָך איז אַרויפֿגעקראָכן צו די אונטערגעפֿוילטע קראָקוועס, וואו דאָס זאַלץ איז געלעגן, און דערלאַנגט דעם יִנגל. וואָלף האָט אויסגעזאַלצן דאָס יונגע באַשעפֿעניש, וואָס האָט זיך נאָך שוואַך אויף די פּלאָנטערנדיקע דינע פּיסלעך געהאַלטן, אַזוי ווי די מוטער זײַנע זאַלצט אוים פֿלייש פֿאַרן קאָכן.

די קימפּעטאָרין האָט באַלד אַרומגעלעקט דעם נײַגעבוירענעם אירן.

— „וואָס מער זי וועט עס אַרומלעקן, אַלץ בעסער וועט זי עס אַרומוואַשן," — האָט וואָלף געזאָגט אַ גליקלעכער, דורכפֿירנדיק זײַנע פֿינגער איבער דעם קליינעם, האַרטן בערשטעלע האָר אויף דעם לאָשיקלס בייגעוודיק העלדזל.

ער האָט ליב געהאַט אַלע באַשעפֿענישן אין זייער הויף. ער האָט געקענט אַלע עופֿות, קי, קעלבער. אַפֿילו פֿאַר דעם ביק דעם

---

קאָריטע — eaves; trough.
קראָקווע — באַלקן, spar of a roof.
פּלאָנטערנדיקע פּיסלעך — שוואַכע פּיסלעך.
עופֿות (אויפֿעס) — fowl.
ביק — bull.

כּעסן, וואָס שטייט צוגעבונדן שטענדיק מיט אַ קייט צו דער קאָריטע, אָפּגעזונדערט פֿון אַלע בהמות, האָט ער ניט קיין מורא געהאַט און אים געגלעט זײַן מעכטיקן האַלדז. אָבער מער פֿון אַלע, אַפּילו פֿון די הינט, האָט ער ליב געהאַט פֿערד, און נאָך מער לאָשיקלעך. ער האָט געמוזט זײַן שטענדיק אין שטאַל, ווען אַ פֿערד איז געגאַנגען צו קינד, צוגעהאָלפֿן דעם אַלטן ראָך אין אָפּנעמען די לאָשיקלעך.

דער פֿאָטער פֿלעגט אים שלאָגן דערפֿאַר, ווײַל אַ ייִנגל דאַרף זיך ניט מישן צו קיין בהמות, ניט צוקוקן זיך צו אַזעלכע זאַכן. דאָס געהער צום אַלטן ראָך. אָבער קיין שום פּעטש האָבן ניט גע־האָלפֿן. וואָלף איז שטענדיק געשטאַנען אין שטאַל אין די ערשטע פֿרילינגטעג, ווען די בהמות קעלבן זיך. גאָרנישט אָפּגעטרעטן איז ער פֿון די פֿערד.

— „דער יונג וועט אויסוואַקסן אַ פֿערדיונג, אַ באַלעגאָלע,“ — האָט דער פֿאָטער נבֿיאות געזאָגט, — „הלוואַי מײַנע רייד זאָלן ניט מקוים ווערן.“

ניין, ער איז ניט געווען צופֿרידן מיט וואָלפֿן, ר׳ הערש רובין. כאָטש ער איז געווען אַ דאָרפֿס־ייִד, אַ באַלעבאָס פֿון אַ היפּשן פֿאָל־ווארק האָט ער פֿון דעסטוועגן ניט ליב געהאַט דאָס דאָרף, וואָס ער האָט איבערגענומען בירושה פֿון זײַן שווער, דעם אַרענדאַר.

ר׳ הערש איז געווען אַ שטאָטישער, אַ וואויל־לערנער, וואָס טאַקע דערפֿאַר האָט אים דער שווער זײַנער גענומען פֿאַר אַן איידעם פֿאַר זײַן בת־יחידה און אים אָוועקגעגעבן זײַן גאַנץ פֿאַרמעגן — פֿעלדער אַ סך, גערטנער, סעדער, אַ הויף פֿול מיט געבײַדעס, קי, פֿערד, עופֿות, שײַערן און שטאַלן. נאָכן שווערס טויט איז ער פֿאַר־בליבן אין דאָרף, דער פּריץ פֿון הויף, אָבער ער האָט זיך דערצו ניט געקאָנט צוגעוואוינען. די אַרבעט האָבן געטאָן די פּויערים די

---

קעלבן זיך — געבוירן אַ קאַלב, to calve.

מקוים ווערן (מעקוּיעם ווערן) — come true.

פֿאָלוואַרק — farm.

גערטנער — gardens.

סעדער — orchards.

שײַער — barn.

הויף — estate.

משרתים, אויך דאָס ווײַב זײַנס, וואָס איז צוגעוואוינט געווען צו דאַרפֿסאַרבעט.

ר' הערש האָט ניט געקענט אײַנשפּאַנען קיין פֿערד, מורא געהאַט צוצוגיין גאָר דערצו. כאָטש די הינט זײַנען זײַנע זײַנען אים נאָכגעלאָפֿן און געלעקט אים די הענט, האָט ער אַלץ נאָך צו זיי קיין גרויסן צוטרוי ניט געהאַט און שטילערהייט פֿאַר זיי אַפֿילו אַ ביסל מורא געהאַט.

— „אַ כּלב קאָן מען ניט אָנטרויען,“ — האָט ער געמורמלט, אוועקיאָגנדיק די הינט, וואָס זײַנען אים נאָכגעלאָפֿן מיט אויסגעשטרעקטע קעפּ, לעכצנדיק נאָך אַ גלעט.

ער האָט ניט פֿאַרטראָגן די פּויערים מיט זייערע מגושמדיקע רייד, עיפּושדיקע ליולקעס, רויע געלעכטערס און פֿאַרגרעבטקייט. דערפֿאַר טאַקע, איז ער אָפֿט געפֿאָרן צום רבין, כאָטש ער איז גאָר־נישט אַזאַ הייסער חסיד געווען, און אָפּגעזעסן דאָרט בײַ יעדער נסיעה וואָכן לאַנג, אַבי צו זײַן צווישן ייִדן, ריידן וועגן תּורה, מסחרים, הערן מעשׂיות און שמועסן וועגן מלחמות, וואָס דאַרפֿן קומען.

אין די ווינטער־חדשים, ווען די וועגן זײַנען געווען פֿאַרשאָטן און קיין פֿרעמדע זײַנען ניט געקומען, איז ר' הערש אַרומגעגאַנגען אַ פֿאַרלוירענער. ער האָט געביסן די באָרד פֿאַר פֿאַרדרוס, געקנאַקט נערוועז די פֿינגער, אַז מ'האָט זייער ברעכן זיך געהערט איבער אַלע שטובן, און ער האָט ניט אויפֿגעהערט אַרויפֿרײַסן די אויגן צום געקאַלכטן באַלקן.

— „רבונו־של־עולם, לייז מיך אויס פֿון דאָרף,“ — האָט ער געבעטן, — „ברענג מיך צווישן ייִדן!“

ער האָט תּמיד געהאָפֿט צו פֿאַרקויפֿן דאָס גוט, אָפּגעבן עס פֿאַר אַ העלפֿט די ווערט, און אַרײַנצוציִען זיך אין אַ שטאָט צווישן ייִדן.

---

לעכצן — to yearn, to languish for.

מגושמדיקע (מעגושעמדיקע) רייד — ניט קיין פֿײַנע רייד; רייד מיט אַ גראָבן קול.

עיפּוש (איפּעש) — שלעכטער ריח, stench.

דאָס גוט — estate.

נאָר עפּעס קיין מאָל האָט זיך קיין קונה ניט געמאַכט. פּונקט אַזוי ווי ער אַליין האָט זיך ניט געוואָלט צורירן צו די גויאישע זאַכן, אַזוי האָט ער אויך זײַנע ייִנגלעך אויסגעהיט דערפֿון. ער האָט געהאַלטן צו זיי אַ מלמד און געזען, זיי זאָלן לערנען חומש און רש״י, גמרא און חשבון. טאָמער האָט עמעצער פֿון זיי געוואָלט צוגיין צו אַ פֿערד, האָט ער אָנגעשריִען:

— „רירט ניט די בהמות, איר וועט פֿאַרגעסן ס׳לערנען.

דעם אײנציקן, וואָס ער האָט ניט געקאָנט אָוועקשלעפּן פֿון די גויים און בהמות, איז געווען וואָלף. פֿון קינדוויַיז אָן האָט דאָס ייִנגל ניט געהאַט קיין קאָפּ צו דער תורה, אַרויסגעוויזן זאַכן, וואָס האָבן ר׳ הערשן אָנגעפּילט מיט מורא. ער האָט זײַן האַנט אַרײַנגעפּאַקט צו די גרעסטע הינט אין די מײַלער אַרײַן, אין די ציין זיי פֿאַרקראַכן, און ניט מורא געהאַט, אַז מען וועט אים אָנבײַסן. ער האָט זיך געקוליעט מיט די הינט אויף דער ערד. ער האָט געכאַפּט פֿייגל און זיי פֿאַרהיימישט. ווינטער, ווען אַ האַלב דערפֿרוירענער פֿויגל פֿלעגט קלאַפּן מיט די פֿליגל אין דער פֿראַסטיקער שויב, מען זאָל אים אַרײַנלאָזן, פֿלעגט ער דעם פֿויגל דערוואַרעמען, הויכן אים אַזוי לאַנג מיט דער פּאַרע פֿון מויל אין שנאָבל אַרײַן, ביז ער האָט אים אויפֿגעלעבט און אים געזונט געמאַכט. אויך האָט ער געקענט אַרומבינדן אַ פֿוס בײַ אַ צעבלוטיקטן הונט, וואָס אַ שטאַרקערער כּלבֿ האָט אים אַ ביין אײַנגעביסן אין אַ געשלעג צוליב אַ צויג. טאָמער איז אַ פֿרעמדע קו פֿאַרקראָכן אין זייערע פֿעלדער, האָט ער ניט אָפּגעלאָזט, ביז ער האָט זי ניט פֿאַרנומען בײַ די הערנער און אָפּגעפֿירט אין שטאַל אַרײַן, האַלטנדיק זי אַזוי לאַנג, ביז דער באַלעבאָס אירער איז ניט געקומען מיט אַ גילדן זי אויסצולייזן פֿאַרן שאָדן, וואָס זי האָט געמאַכט.

ר׳ הערש האָט זיך געבייזערט:

— „יונג, איך וויל ניט האָבן צו טאָן מיט די ערלים, טרײַב אַרויס די קו!״

אָבער וואָלף האָט ניט געוואָלט הערן.

---

חשבון (כעזשבן) — אין דעם פֿאַל: אַריטמעטיק.

צויג — bitch.

ערל (אָרל), ערלים (אַריילים) — גוי, גויִם.

— „פֿאַר וואָס, אַז אונדזערס אַ בהמה גייט צו זיי אין די פֿעלדער, פֿאַרנעמען זיי יאָ און פֿאַדערן אויסקויפֿגעלט?" — האָט וואָלף געזאָגט מיט הארץ. — „אונדזערע פֿעלדער זײַנען אויך ניט הפֿקר!"

פֿאַר קיין שקצים האָט ער ניט מורא געהאַט, געשטאַנען תּמיד גרייט מיט די הענט און פֿיס אָפּצושלאָגן יעדן, וואָס וועט אים אָנרירן. אין גאַנצן איז אים דער קאָפּ געלעגן אין די פֿערד. ער איז געריטן אויף די שטאַרקסטע פֿערד אַפֿילו אָן אַ צוים, בלויז האַלטנדיק זיך בײַ די גריוועס. ער איז אַרונטערגעקראָכן אונטער פֿערדישע בײַכער און אָפּגערייניקט זיי דאָס מיסט מיט אײַזערנע קאַמען. טאָמער האָט זיך אַ יונג, אומגעקאָוועט פֿערדל אַ פֿוס פֿאַרשטאָכן אין גלאָז, אָדער אַ טשוועקל אַרײַנגענומען אין דער טלאָ, האָט ער אונטערגעהויבן דעם פֿערדס פֿאַרוואונדעטן פֿוס, פֿאַרלייגט אים אויף זײַן קני, און אַזוי לאַנג געהיילט און געבונדן, ביז ער האָט דעם חולה אויסגעהיילט. ער האָט דעם בייזסטן פֿערד געפֿענטעט די פֿאָדערשטע פֿיס, עס זאָל ניט ווײַט אַוועק פֿון דער פּאַשע, און ווילדע אָגערס די ציין אין די מײַלער געציילט, כּדי צו וויסן וויפֿל יאָרן זיי האָבן. מער פֿון אַלץ האָט ער געקלעפּט צו לאָשיקעס, צו די יונגע פֿערדלעך. גאַנצע טעג איז ער אַרומגעלאָפֿן מיט זיי אויף דער לאָנקע, אָפּגעהיט זיי און קיינעם פֿון די דאָרפֿישע יינגלעך ניט געלאָזט זיך אַרויפֿכאַפּן אויף זיי רײַטן, ווײַל דאָס שאַדט יונגע פֿערדלעך צו זייער וואוקס.

פֿאַר דעם לעצט געלט פֿון פֿאַרבײַפֿאָרנדיקע סוחרים, פֿאַר חנוכּה-געלט, וואָס ער האָט געקריגן פֿון דער מוטער, פֿאַר יעדן אָפּגעשפּאָרטן גראָשן האָט ער בײַ אַ פּויער אַ לאָשיקל אײַנגעהאַנדלט, און איידער מען האָט זיך אומגעקוקט, האָט ער עס אויסגעהאָדעוועט

---

צ ו י ם — bridle.

ג ר י ו ו ע — mane.

ק אָ ו ו ע ן — to shoe a horse.

ט ל אָ — דער אונטערשטער טייל פֿון פֿערדס פֿוס, וואָס מען שלאָגט אַרויף אויף דעם די פּאָדקעווע (horseshoe).

ג ע פֿ ע נ ט ע ט — געבונדן.

פּ אַ ש ע — pasture.

אָ ג ע ר ס — stallions.

אין אַ פֿערדל אַ צאַצקע. אַפֿילו אין שטוב פֿלעגט ער די יונגע פֿערד־לעך אַרײַנפֿירן און צוקער זיי געגעבן צו נאַשן.

דער פֿאָטער האָט געשריִען, געפּאַטשט, געטענהט, אַז פֿון דעם יונג וועט אויסוואַקסן אַ גוי. אָבער וואָלף איז פֿון זײַנע פֿערד ניט אָפּגעטראָטן. פֿון דעם רבינס חומש איז ער אַוועק און געלאָזט זיך צו דער לאָנקע.

— „ר׳ הערש," — האָט דער מלמד זיך געקלאָגט, — „ס׳און עבֿירה דאָס מלומד־געלט, וואָס איר צאָלט מיר פֿאַר דעם ייִנגל. איך בין ניט זײַן מלמד, זײַן רבי איז דער אַלטער גוי..."

— „שלאָגט אים, ברעכט אים די ביינער," — האָט ר׳ הערש זיך געבעטן, — „איך הייס אײַך!"

— „ווער האָט כּוח צו אים," — האָט דער מלמד געענטפֿערט אַ פֿאַרשעמטער, — „איך דאַנק גאָט, אַז ער שלאָגט מיך ניט. אַזאַ גיבור!..."

ר׳ הערש האָט אַראָפּגעלאָזט די אויגן און געברומט מיט כּעס צו דער זײַט פֿון זײַן ווײַב, דער אַרענדאַרישער טאָכטער, וואָס האָט געהאַלטן מיטן ייִנגל.

— „דער מאַמעס זון," — האָט ער געמורמלט זיך אין דער באָרד אַרײַן, — „ס׳אַ פֿאַרפֿאַלענע זאַך."

## 2

אַז וואָלף איז אַלט געוואָרן איין און צוואַנציק יאָר און נאָך סופֿות געדאַרפֿט שטעלן זיך צום מיליטער, האָט ר׳ הערש געוואָלט פֿאַרקויפֿן עטלעכע אַקער ערד און אַ פּאָר בהמות, כּדי פֿאַר דעם געלט אויסצולייזן דעם זון פֿון זײַנעם פֿון גויאישע הענט. וואָלף האָט ניט אַרויפֿגעלאָזט אויף דער שוועל קיין פֿויער, וואָס איז געקומען ריידן וועגן קויפֿן ערד.

---

מלומד־געלט (מעלומאַד) — דאָס געלט וואָס מען צאָלט דעם מלמד.

— „גייט מיט גאָט, פּעטערל!" — האָט ער געטריבן די קונים.
— „מיר פאַרקויפן ניט."
דער פעטער האָט אים גערעדט צום שׂכל:
— „ווי נאָר דו וועסט באַפרייַט ווערן, גראָבער קאָפּ, וועט מען דיר ריידן גוטע שידוכים מיט נדן, און מיר וועלן דאָס אַרייַנגעלייגטע געלט צוריקקריגן, נאָך מיט אַ סמיטשיק אַריבער."

וואָלף האָט ניט געוואָלט הערן. ווי אַלע שקצים אין דאָרף, וואָס ווערן איין און צוואַנציק יאָר אַלט, האָט ער געלאָזט זיך אויפנייען אַ פּאָר גוטע שטיוול, פון ברעטלעך אַ קעסטל זיך געמאַכט, כּדי צו האָבן אין וואָס אייַנצופּאַקן די זאַכן, אָפּגעפאַרבט עס אויף גרין, אַ באַשליק זיך אייַנגעהאַנדלט, אויך אַ שעפּסן היטל. צו גלייך מיט אַלע דאָרפּסיונגען, איז ער אַוועק אין שטאָט אַרייַן צו שטעלן זיך פאַר די דאָקטוירים און אָפיצירן, וואָס קלייַבן מענער פאַר דעם קייזערס דינסט.

— „דייַן נאָמען און פאַמיליען-נאָמען?" — האָט דער פעטער, רויטבערדיקער נאַטשאַלניק געפרעגט בייַם נאַקעטן צעוואָקסענעם יונג.
— „וואָלף רובין," — האָט דער נאַקעטער געענטפערט.
— „באַשעפטיקונג?"
— „אַ פּויער."
— „געזונט?"
— „געזונט!"

דער נאַטשאַלניק האָט אויסגעריבן מיט דער פעטער האַנט צום ערשט איין אויג, דערנאָך דאָס צווייטע, און אויסגעגלאָצט די אויסגעוויישטע אויגן אויף דעם נאַקעטן יונג.
— „אַ ייִד?" — האָט ער געפרעגט מיט שטוינונג.
— „אַ ייִד!" — האָט דער נאַקעטער יונג געענטפערט.

---

מיט אַ סמיטשיק אַריבער — נאָך מער ווי מען האָט געהאַט.
באַשליק — אַ וואַרעמער איבערדעק איבערן גאַנצן קאָפּ. מען טראָגט אַ באַשליק איבערן היטל.
נאַטשאַלניק — עלצטער.
אויסגעגלאָצט די אויגן — opened wide his eyes.

דער דיקער פּאַרשוין האָט זיך אויסגעדרייט צו די דאָקטוירים און מיליטער־לײַט און גערופֿן:

— „גאָספּאָדאַ, קומט זען עפּעס שיינס. אַ ייִד אַ פּויער, און זאָגט, אַז ער איז געזונט.“

אַלע זײַנען צוגעגאַנגען צום נאַקעטן יונג און אים באַטראַכט מיט אָפֿענע אויגן.

צווישן די אַלע שטעטלשע בחורים איז וואָלף רובין געשטאַנען אַ גלײַכער, אַ פֿעסטער, אַ שטאָלצער מיט זײַן כּוח און געקוקט מיט אָפֿענע אויגן אַרום זיך.

— „זדראַוו!“ — האָט ער הויך געענטפֿערט אויף אַלע דאָקטערישע פֿראַגעס.

די מיליטער־לײַט האָבן אַנגעקוואָלן.

— „גוט געבויט!“ — האָט דער דאָקטער געלויבט אים. — „ברייט אין די אַקסלען און שמאָל אין דער טאַליע, אויגן קלאָרע, ציין איינס און איינס.“

— „און פֿיס הויכע,“ — האָט דער אָפֿיציר געמורמלט, טאַפּנדיק מיט די הענט איבער דעם יונגס שטאַרקע, געטאָקטע פֿיס, — „וועט גוט זײַן אין דער קאַוואַלעריע.“

— „צוגענומען!“ — האָט דער עלצטער הויך אויסגערופֿן און אַ פּאַטש געטאָן דעם צוגענומענעם איבער דער פּלייצע, ווי מען גיט אַ פּאַטש אַ גוט פֿערד, וואָס מען האָט אײַנגעהאַנדלט.

פֿאַר די פֿיר וואָכן צײַט, ביזן צושטעלן זיך צום פּאָלק, האָט וואָלף געמאַכט אָרדענונג אין די שטאַלן. ער האָט אויספֿאַרריכט די צוימען, אויסגעלאַטעט די כאָמוטן, די פֿערד געפּוצט און גערייניקט, און ניט אויפֿגעהערט טוליען דאָס פּנים זײַנס צו זייערע העלדזער און קעפּ.

---

גאָספּאָדאַ — אַ רוסיש וואָרט; באַטײַט — gentleman.

זדראַוו — אַ רוסיש וואָרט; באַטײַט — געזונט.

אַנגעקוואָלן — הנאה געהאַט, געווען שטאַרק צופֿרידן.

טאַליע — waist, figure, shape.

געטאָקטע פֿיס — פֿיס וואָס זעען אויס פּונקט ווי מען וואָלט זיי אויסגעשניצט (carved).

כאָמוט — horse's collar.

— „טאַטע, זאָלסט ניט פֿאַרקויפֿן, הערסט?״ — האָט ער יעדן טאָג אויף ס׳ניי געבעטן ביים פֿאָטער. — „די עטלעכע יאָר דינסט וועלן פֿאַרביילויפֿן און איך וועל אַ נעם טאָן זיך צו דער אַרבעט. נאָר ניט פֿאַרקויפֿן, טאַטע!״

— „אָסור, אויב ער וועט אַזוי בענקען נאָך טאַטע־מאַמע, ווי נאָך די פֿערד,״ — האָט ר׳ הערש געזאָגט מיט פֿאַרדראָס.

ווי פֿון אַלע רעקרוטן, נאָך פֿון ייִדן דערצו, האָט דער אונטער־אָפֿיציר, דער רייטלערער, געפּרוּווט מאַכן חוזק פֿון דעם רעקרוט וואָלף רובין.

— „אויף אַ פֿערד דאַרף מען זיצן מיטן פּנים צום קאָפּ, ניט צום וויידל,״ — האָט ער אים געלערנט מיט אַ געמאַכטן ערנסט, — „און אַז דאָס פֿערד לויפֿט, דאַרף מען ניט שרייען „טאַטעלע־מאַמעלע״, נאָר האַלטן זיך אין זאָטל, פֿאַרשטאַנען?״

וואָלף האָט ניט איבערגעשלאָגן און שווייגנדיק אויסגעהערט דעם גוים וויצן. צו ערשט האָט דער אונטער־אָפֿיציר אים געלאָזט אַרומרייטן לאַנגזאַם איבער דעם רונדן רייטפּלאַץ. מיט אַ מאָל האָט ער געגעבן אַ קנאַל מיט דער ביימש דעם פֿערד איבער די פֿיס, און הילכיק געלאַכט צו די עלטערע קאַוואַלעריסטן:

— „זעט, ווי ער וועט פֿליִען!״ — האָט ער נבֿיאות געזאָגט. — „הא, הא!״

אָבער וואָלף האָט באַצייטנס פֿאַרצויגן פֿעסט די לייצעס און די קני אין די פֿערדישע זייטן איינגעקלאַמערט. דאָס פֿערד, גע־וואוינט צו רעקרוטן שלימזלען, האָט זיך געשטעלט אויף די הינ־טערשטע פֿיס, כּדי דעם איינגעעקשנטן רייטער אַראָפּצוּוואַרפֿן. וואָלף איז געזעסן פֿעסט אין זאָטל. דאָס פֿערד האָט געפּרוּווט אים נעמען מיט אַ קונץ. מיט אַ מאָל האָט ער צוריק אַראָפּגעלאָזט דעם קאָפּ, ווי אונטערגעגעבן זיך, פּלוצעם איינגעבויגן די פֿאָדערשטע פֿיס, און מיט די הינטערשטע אַ האַסטיקן שפּרונג געטאָן, כּדי דעם רייטער אַריבערצוּוואַרפֿן פֿון פֿאָרנט, איבערן קאָפּ. וואָלף

---

אָ ס ו ר (אָסער) אויב — absolutely sure.
ו ו י י ד ל — עק, tail.
ל י י צ ע ס — reins.
א י י נ ג ע ק ל אַ מ ע ר ט — פֿעסט צוגעדריקט.

האָט באַצײַטנס אויפֿגעכאַפּט דעם פֿערדס קוניץ, און זיך פֿון זאָטל ניט געלאָזט אַרויסשאָקלען. דאָס פֿערד האָט אויסגעבויגן דעם שלאַנקן האַלדז, מיט די קלוגע אויגן באַטראַכט דעם רײַטער און אונטערגעגעבן זיך. דער אונטער־אָפֿיציר איז געבליבן שטיין מיט אַן אָפֿן מויל און אַ פֿאַררריסענער נאָז.

— „אַזאַ פֿויגל ביסטו?״ — האָט ער געזאָגט מיט פֿאַרדרוס און דרך־ארץ גלײַכצײַטיק. — „גוט, וועסטו לערנען אַנדערע רעקרוטן רײַטן.״

די דינסט איז וואָלפֿן געגאַנגען גלאַט, ווי אויף פּוטער. ער איז געווען אַ גוטער רײַטער, אַ פּינקטלעכער צילער, אַ בריה אין פֿעכטן און אין שפּרינגען. די זעלנערישע תּורה מיט אַלע טיטולן פֿון קייזער און די הויכע לײַט האָט ער געקענט פֿון אויסנווייניק. אויף יעדן „סמאָטר״, ווען אַ גענעראַל איז געקומען און מען האָט גע־דאַרפֿט אַרויסשטעלן דעם בעסטן זעלנער, האָט מען וואָלפֿן אַרויס־געשטעלט. נאָכן ערשטן יאָר האָט ער געקראָגן אַ בענדל. אַ ביסל שפּעטער נאָך איינס. פֿאַר גוט שיסן האָט ער געקראָגן אַ גראָבן ציבעלע־זייגער מיט אַן אויפֿשריפֿט אויסגעקריצט. ער וואָלט גע־קריגן אַ דריט בענדל אויך, נאָר אַ ייִד האָט מען מער פֿון צוויי בענדלעך ניט געגעבן. די בריוו זײַנע אַהיים זײַנען גאָרניט געווען קיין טרויעריקע, ווי מערסטנס ייִדיש זעלנערישע בריוו. צוזאַמען מיט די גרוסן צו טאַטע־מאַמע, שוועסטער און ברידער, האָט ער אויך יעדעם פֿערד און לאָשעק, יעדע קו און קאַלב געלאָזט גריסן, אויסגעפֿרעגט זיך וועגן זייער געזונט, און פֿאַרענדיקט האָט ער מיט דער שטענדיקער בקשה:

— „טאַטע, פֿאַרקויף גאָרניט פֿון באַלעבאַטישקייט אַרויס. לאָמיך

---

פֿ אַ ר ר י ס ע נ ע ר נ אָ ז — אויפֿגעהויבענער קאָפּ פֿון פֿאַר־וואונדערונג.

צ י ל ע ר — aimer.

פֿ ע כ ט ן — to fence.

ס מ אָ ט ר — אַ רוסיש וואָרט, military inspection.

צ י ב ע ל ע ־ ז י י ג ע ר — ציבעלע איז: onion; אַ זייער ביליקן און דיקלעכן קעשענע־זייגער האָט מען אַזוי גערופֿן.

נאָר צוריקקומען פֿון „פֿאָניען" און איך וועל זיך אַ נעם טאָן צו דער אַרבעט."

נאָך דרײַ יאָר מיט אַכט חדשים דינסט, איז וואָלף אַהיים גע־קומען אַן אויסגעפּוצטער אין נײַע זעלנערישע קליידער פֿון אַ קאַ־וואַלעריסט, מיט קנעפּ, לאַמפּאַסן און צוויי בענדלעך, אויסגעשמיסן פֿון זון אוןווינטן, אָפּגעברענט, שטאַרק און פֿריילעך. זײַנע וואָנ־צעלעך, וואָוילעריש פֿאַרשווירן, האָבן געשפּראָצט מיט מענלעכקייט און חן. אָבער ער האָט דאָס גוט זייערס מער ניט געטראָפֿן בײַ טאַטע־מאַמע. פֿרעמדע זײַנען דאָרט געזעסן. טאַטע און מאַמע האָבן געוואוינט אין שכנישן שטעטל, אַ שטעטעלע אַ קליינס, אַן אײַנ־געהויקערטס, אַ מרה־שחורהדיקס און פֿאַרמיסטיקטס. צווישן אַלע קרעמערס, איז אויך זײַן פֿאָטער געזעסן אין דער טונקעלער שניט־קראָם זײַנער און געקוקט אויף די סחורות, וואָס זײַנען קרומלעך געלעגן אין די פֿאַכן, און געוואַרט אויף אַ קונה, וואָס איז ניט געקומען.

— „פֿאַר וואָס האָסטו פֿאַרקויפֿט?" — האָט וואָלף געפֿרעגט אַ פֿאַרביטערטער. — „איך האָב דיך אַזוי געבעטן ניט פֿאַרקויפֿן!"

— „כ'האָב מער ניט געקאָנט אויסהאַלטן אין דאָרף," — האָט דער פֿאָטער געזאָגט, — „איך האָב געוואָלט זײַן אַ ייִד צווישן ייִדן."

וואָלף האָט אַן איבעריקער אַרויסגעלאָזט זיך איבערן שטעטל. פֿון אַלע קרעמלעך, דורך פֿענצטער און טירן, האָבן קעפּ אַרויסגע־קוקט. מיידלעך האָבן אים געגעסן מיט די אויגן. חדר־ייִנגלעך זײַנען אים נאָכגעלאָפֿן און מיט חידוש באַטראַכט זײַן קאַוואַלעריסטישן מונדיר און די בענדלעך אויף די עפּאָלעטן. דער סטראַזשניק אין מאַרק האָט אַפֿילו אים געגריסט מיליטעריש.

---

פֿאָניע — nickname of a Russian; די ייִדן פֿלעגן מיט שפּאָט רופֿן די רוסישע רעגירונג און אירע באַאַמטע „פֿאָניע"; צוריקקומען פֿון פֿאָניען מיינט פֿריי ווערן פֿון דער רוסישער אַרמיי.

לאַמפּאַסן — stripes on one side of the pants; דאָס פֿלעגן טראָגן רוסישע מיליטער־לײַט.

שניטקראָם — drygoods shop.

פֿאַכן — open drawers, layers.

חידוש (כידעש) — באַוואונדערונג.

סטראַזשניק — פּאָליציי־מאַן.

עטלעכע וואָכן צײַט איז ער אַלץ אַרומגעגאַנגען אין די זעל־נערישע קליידער. דער פֿאָטער האָט אים געמוסרט:

— „וואָלף, קריך אַרויס פֿון פֿאָניעס בגדים! טו אָן צוריק די ייִדישע מלבושים. ס'איז מיר אַ בושה פֿאַר לײַטן."

וואָלף האָט ניט געענטפֿערט. שדכנים האָבן גענומען אָפּשלאָגן די שוועל בײַ ר' הערשן אין קראָם און ריידן וואָלפֿן שידוכים. טאַטעס פֿון כּלה־מיידלעך האָבן זיך גענומען דרייען און ריידן וועגן תּכלית. וואָלף האָט געשוויגן. אויף גאַנצע טעג פֿלעגט ער אַוועק־גיין, צוגיין צו פֿוס ביז זייער פֿאָלווארק, באַטראַכטן די ערד, די גע־בײַדעס, די פֿערד אויף די לאָנקעס און צוריקקומען אַ ביטערער אַהיים. אַ סך מאָל פֿלעגט ער גאָר זיך אַוועקלייגן אויף אַ גאַנצן מעת־לעת און שלאָפֿן, אָפּשלאָפֿן טאָג און נאַכט. נאָך עטלעכע וואָכן אַזוי שווײַגן און אַרומקריכן, האָט ער פּלוצעם אויסגעטאָן די זעלנע־רישע קליידער, פֿאַרקויפֿט זיי פֿאַר וויפֿל נאָר מען האָט אים געגעבן. אויך דעם ציבעלע־זייגער, וואָס ער האָט געקראָגן אַ מתּנה פֿאַר גוט שיסן, האָט ער פֿאַרקויפֿט. אײַנפּאַקנדיק אין גרינעם זעלנערישן קעסטל זײַנעם אַ ביסל וועש, אַ נאָדל־פֿאָדעם און אַנדערע זאַכן, וואָס אַ מענטש דאַרף אין וועג, האָט ער זיך אין איינעם אַ טאָג געלאָזט צו דער גרענעץ און אָן אַ זײַ־געזונט אַריבערגעשוואַרצט זיך קיין גאַליציע. ערשט פֿון יענער זײַט גרענעץ האָט ער אָנגעשריבן אַ קאַרטל אַהיים.

„ליבע טאַטע־מאַמע," — האָט ער געשריבן אויף דעם אַנזיכטס־קאַרטל, אויף וועלכן דער קייזער פֿראַנץ יאָזעף איז געווען אויס־געמאָלט אין זײַן גאַנצער קייזערלעכער פּראַכט, — „איך פֿאָר קיין אַמעריקע אָנהייבן אָן אַנדער לעבן. אַז כ'וועל מיך דערשלאָגן צו עפּעס, וועל איך שרײַבן."

---

ג ע מ ו ס ר ט (געמוסערט) — געשטראָפֿט, אויסגערעדט.

מ ל ב ו ש י ם (מאַלבושים) — קליידער.

ש ד כ נ י ם (שאַדכאָנים) — matchmakers.

תּ כ ל י ת (טאַכלעס) — רעזולטאַט, practical purpose, result; אין דעם פֿאַל מיינט עס אַז דער רעזולטאַט זאָל זיין אַ ש י ד ו ך (שידעך) match.

מ ע ת ־ ל ע ת (מעסלעס) — אַ טאָג און אַ נאַכט.

אַ ר י ב ע ר ג ע ש וו אַ ר צ ט ז י ך — אַריבערגעגנבֿעט זיך.

אַ נ ז י כ ט ס ־ ק אַ ר ט ל — picture post-card.